האלטן אין זיך אן אויסגעשפראכענעם פראגרעסיוור-נאציאנאלן כאראקטער און סאציאל געשיכטלעכע מאטיוון.

7. מיר פייערן מיט זיי אויך די אלוועלט-לעכע פרייהייטס יום טובים.

## ארגאניזאציאנס סטאטוטן

1. די שול ווערט פארוואלטעט און געפירט פון שול פאריין וועלכער באשטייט פון די אקטיווע מיטגלידער פון דער שול.

2. דאס מיטגלידערשאפט פון דער שול ווערט איינגעטיילט אין 2 אפטיילונגען. (א). אין אקטיווע, ד.ה. אזעלכע וועלכע ווערן פארגעשלאגן פון א חבר אדער א חברה ביים מיטינג און דערקלערן זיך איינ-פערשטאנדן מיט די פרינציפן און לער-פראגראם פון דער שול און ווערן דאריבער אויפגענומען ביים שול פאריין אלס אקטיווע, און (ב). פאסיווע, ד.ה. די יעניקע וועלכע טראגן עפעס צו צו דער שול; די מאנאטלעכע שטייער צי אן אנדער קאנטריבוציע, אבער זיי זיינען ניט אויפגענומען געווארן ביים מיטינג פון שול פאריין אלס אקטיווע.

3. נאר אקטיווע מיטגלידער האבן דאס רעכט צו שטימען בנוגע פרינציפיעלע פראגן.

4. יעדער מיטגליד דארף עפעס בייטראגן צום שול פאריין אלס מאנאטלעכן שטייער.

גוטשטייענדיקע מיטגלידער הייסן יענע וועלכע זיינען נישט הינטערשטעליק אין שטייער דורך 3 מאנאטן. דער וואס איז הינטערשטעליק אויף מער ווי 3 מאנאטן און גיט ניט אן קיין גענוגנדע אורזאכן האט ניט קיין רעכט צו שטימען.

5. די מיטגלידער וואס באזוכן ניט 4 מי-טינגען כסדר, האבן אויפן 5טן מיטינג ניט קיין רעכט צו שטימען.

6. די פעדאגאגישע זייט פון דער שול ווערט איבערגעגעבן צו אן עדוקאציאנס-קאמיטעט וועל-כער באשטייט פון דעם לערער-ראט און 3 אויס-געקליבענע מיטגלידער פון שול פאריין.

7. דאס עדוקאציאנס קאמיטעט האט דאס רעכט גוט צו הייסן אדער צוריק צו רופן א לערער, דער לערער קען אבער אין פאל פון ניט צופרידנ-הייט אפעלירן צום שולן פאריין.

8. אין פאל דאס עדוקאציאנס קאמיטעט קען זיך נישט אייניקן אין געוויסע פראגן האט דער שול פאריין, אלס העכסטע אינסטאנץ פון דער שול, דאס רעכט צו ענטשיידן.

9. וואלן פארן עדוקאציאנס-קאמיטעט, שול-סעקרעטאר, פינאנץ סעקרעטאר און קאסירער, קא-רעספאנדענץ סעקרעטאר און פראטאקאל סעקרע-טאר, דארפן פארקומען אלע 6 מאנאטן און אזעלכע קענען ערוויילט ווערן נאר פון די אקטיווע מיט-גלידער.

10. ווען אירגענד וועלכער אקטיווער מיטגליד פון שול פאריין וויל מאכן א פארשלאג צו בייטן אדער ענדערן אירגענד וועלכן פרינציפיעלן פונקט פון די דערמאנטע פרינציפן און סטאטוטן, אריינ-רעכענענדיק אויך דיזן פונקט 10, קען אזא פאר-שלאג נאר ווערן אנגענומען ווען 75 פראצענט פון די פארזאמלטע אקטיווע מיטגלידער שטימען פאר אים, און דאס אויך נאר ביי די יערלעכע פארזאמ-לונגען פון די אקטיווע מיטגלידער, וועלכע קומען פאר יעדן חודש מאי פון יאר.

11. דער שול פאריין פארזאמלט זיך יעדן מאנטיק אוונט צו פארהאנדלען די אדמיניסטרא-טיווע און פינאנציעלע זייט פון דער שולע.

## פראטעסט רעזאלוציע קעגן די נאציאנאל-ראדיקאלע און פאלקס שולן

געדרוקט אין „קענעדער אדלער" דעם 5טן יולי, 1916.

ביי א פארזאמלונג פון מאנטרעאלער פרא-מינענטע יידישע באלעבאטים, וואס האט שטאט-פינדן אין בהכנ"ס עדת ישורין, כ"ט סיון תרע"ו, איז אנגענומען געווארן די פאלגענדע רעזאלוציא!

נעמענדיק אין אנבאטראכט דאס דער פונדא-מענט פון יידנטום איז צו ערציען קינדער אין זייער יוגענד, אין רעליגיעזן גייסט.

נעמענדיק אין אנבאטראכט דאס דיזער חוב קדוש איז נאך יעצט א דאפלטער צוליב דעם וואס די סביבה און די אומשטענדן זיינען לײדער ניט גינסטיק פארן יידנטום.

נעמענדיק אין אנבאטראכט, דאס די שרעק-לעכע מלחמה האט צעשטערט די אלטע צענטערס פון יידנטום, דערום דארפן די יידן וואס זיינען פארבליבן טריי צו זייער רעליגיאן באפעסטיקן און אכטונג געבן דאס אין די תלמודי תורה און חדרים זאל געלערנט ווערן תורה נביאים וכתובים, תלמוד. איבער אלעם רעליגיאן און יראת שמים, און צו שטיין אויף דער וואך קעגן די וואס פארנארן יידישע קינדער אונטער דער מאסקע דאס מען לערנט זיי יידיש אדער נאציאנאליזם, און אין דער אמת ווארצלט מען דארט אויס פון די קינדער דעם לעצטן פונק רעליגיאן פאר וועלכע מיר האבן געקעמפט טויזנטער יארן.

נעמענדיק אין אנבאטראכט דאס די זאגענאנטע נאציאנאל ראדיקאלע און פאלקס שולן זיינען אנטי-יידיש, אנטי-רעליגיעז און קעגן אונדזער הייליקער תורה ווי עס איז באוויזן געווארן דורך עדות ברורה דאס אין זייערע שולן ווערט פראק-טיצירט חילול השבת און חילול הדת בפרהסיא, דערום זיי עס באשלאסן:

א) א קול קורא זאָל פּובליצירט ווערן דורך די צייטונגען און ליפלעטס און מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע צו וואָרענען דעם יידישן עולם פאַר דער שרעקלעכער געפאַר וואָס שטייט פאַר דעם יידנטום פון דיזער קעגן־רעליגיאָן באַוועגונג, און אין איין און דער זעלבער צייט צו אַפּעלירן צו דעם געוויסן פון די אָנפירער פון די געפערלעכע באַוועגונג זיי זאָלן זיך צוריקציען פון זייער פאַרדאָרבענעם איינפלוס. ושבו בנים לגבולות הקודש.

ב) דאָס בתי ספר לנערות, ד.ה. שולן פאַר מיידלעך זאָלן געגרינדעט ווערן וואו יידישקייט אין טעאָריע און פּראַקטיק זאָל געלערנט ווערן, און די צוקונפטיקע מוטערס זאָלן קענען פאָרטזעצן צו פירן די יידישע הייזער און ערציען קינדער אין דעם זעלבן גייסט ווי אונדזערע גרויסע מאַמעס און באָבעס האָבן עס געטאָן.

דער אַדאָפּטירטער קול קורא לעזט ווי פאָלגט:

ברידער און שוועסטער:

א גרויסע געפאַר שוועבט איבער אונדזערע קעפּ, אונדזערע קינדער ווערן פון אונדז גערויבט, אונדזער הייליקע רעליגיאָן ווערט פון זיי אויסגעוואָרצלט. די געפאַר איז אונגעהויער גרויס, ווייל די רויבער זיינען פאַרמאַסקירטע. זיי ווייזן ניט ארויס זייער נאַטירלעכן געשטאַלט, זיי זאָגן ניט אַרויס זייערע מאָטיוון. מיר מיינען דאָ אָנצודייטן וועגן די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע פאָלקס שולן. דער שילד „נאַציאָנאַל” פאַרבלענדעט אייך די אויגן צו מיינען דאָס די שולן זיינען יידישע חדרים, ווערנד אין פאַקט זיינען דיזע לער־אנשטאַלטן פּאָזיטיוו קעגן דער יידישער רעליגיאָן וואו חילול שבת און חילול הדת ווערט געפּראַקטיצירט.

ברידער און שוועסטער! איז עס דען וויניק דאָס לידער, דורך אומשטענדן, קענען מיר ניט פאַרהיטן די גרויסע קינדער פון חילול שבת, זאָלן מיר נאָך מיט אונדזערע אייגענע הענט פאַרדאַרבן די קליינע קינדער, די צאן קדשים, די תינוקות של בית רבן די איינציקע וועלכע עס איז נאָך מעגלעך צו אָפּהיטן.

ברידער און שוועסטער, וועמענס עלטערן האָבן מקבל געווען די תורה אויף דעם באַרג סיני! שטיצט די רעליגיעזע תלמודי תורה, שיקט אייערע קינדער אין די רעליגיעזע תלמודי תורה, וועט איר האָבן געטאָן אייער פליכט און די גוטע קערנער וואָס מען פאַרפלאַנצט אין א יונגן קינד וועט ברענגען גוטע פרוכטע אין זייער לעבנס לויף.

ברידער און שוועסטער! שטיצט ניט און שיקט ניט אייערע קינדער אין די שולעס וואו אונדזער הייליקע רעליגיאָן ווערט פאַראַכטעט און פאַרשפּאָטעט.

פירער פון די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן! כאָטש אייערע טאַטן זיינען פאַרדאָרבענע, דאָך ווילט זיך אונדז גלויבן, דאָס אייער אבזיכט איז גוט נאָר איר זייט זעלבסט פאַרפירטע, געדענקט זיך נאָר וואָס איר טוט. איר רייסט אַרויס די אַלטע און אימער נייע הייליקע תורה, וועלכע האָט אונדז געלעבט טויזנטער יאָרן און איר פאַרבייט דאָס אויף יידיש־לידלעך. איר קליימט צו זיין נאַציאָנאַליסטן, איר זאָגט איר ווילט באַקענען די יידישע קינדער מיט זייער היסטאָריע און מיט זייערע העלדן און גרויסע מענער, וועלכע האָבן זיך געאָפּפערט פאַרן יידנטום. האָט איר זיך אָבער פאַרטראַכט אין דעם פונקט ווער זיינען געווען די גרויסע מענער? ווער האָט זיי באַגייסטערט אויפצוטאָן גרויסעס? אויב ניט אונדזער הייליקע רעליגיאָן, ווער האָט זיך געלאָזט פאַרברענען אויף די אטא דע פע אין שפּאַניען? געוויס יידן מיט די לערע פון היילקן אברבנאל. געוויס ניט די וואָס זייער יידישקייט איז באַשטאַנען פון א פּאָר זשאַרגאָנישע לידלעך, דורך וועלכע איר פאַרבלענדעט די נאַאיווע פרויען. נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן! איר זייט אייגענע קינדער, אונדזער בלוט און פלייש, באַרעכנט אונדזער גרויסן צער, אונדזער פאַרצווייפלונג, אַז מיר דאַרפן צוזען ווי מען פאַראַכטעט אונדזער הייליקע תורה, אונדזער איינציקע ירושה, אוי לעינים שכך רואות! וויי איז צו אונז דאָס דיזעס איז געשען אין אונדזער צייט!

יידישע קינדער! ערוועקט אין זיך דעם יידישן פונק. חדלו הרע. הערט אויף צו זיין פאַרדאָרבן. נוצט אויס אייער יוגנט, קראַפט און ענערגיע אויף נוצלעכעס פאַר אונדזער געפּלאַגטע פאָלק. לאָזט איבער די קינדער ערציאונג אין די הענט וואָס האָבן דאָס אזוי גלענצנד דורכגעפירט טויזנטער יאָרן. רייסט ניט, פליקט ניט, פאַרביטערט ניט, צעשפּאַלט ניט אונדזערע פאַרביטערטע הערצער, שובה אלינו ונשובה אליכם! מיר האָפן דאָס איר וועט באַגעגנען אונדזערע ווערטער מיט דעם זעלבן ערנסט ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרן, צייכענען מיר מיט גרויס שמערץ און פאָטערלעכע ליבע.

דאָ קומען ניינצן אונטערשריפטן פון רבנים און באַלעבאַטים.

---

גענדרוקט אין „קענעדער אָדלער", דעם 15טן יולי, 1916.

## אַ דערקלערונג פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שולע

אין „קענעדער אדלער” פון 5טן יולי איז געווען פּובליצירט א פּראָטעסט רעזאָלוציע, אונטערגעשריבן פון די היגע רבנים און סתם יידן, קעגן די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע און פאָלקס שולן. די רעזאָלוציע איז געשריבן אין אזא טאָן וואָס פּאַסט פאַר אונדז באמת נישט צו ענטפערן. מיר געפינען פאַר נויטיק צו געבן אַן ערקלערונג צו די מאָנטרעאַלער יידן ווי אויך צו די עלטערן פון די קינדער כדי זיי זאָלן זיך נישט געפינען אונטער א פאַלשן איינדרוק.

זינט די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן זיינען געבוירן געוואָרן, אומגעפער מיט אַ פינף יאָר צוריק, האָבן די היגע רבנים זיי נישט אויפגעהערט צו רודפן. זיי שטרענגען זיך אָן מיט אַלע מיטלען צו באַקעמפן די שולן, און אין זייער קאַמף קעגן אונדז, האָבן זיי פאַרגעסן איינעם פון די הויפט יסודות פון דער יידישער רעליגיע, אַז מען דאַרף מאַכן אַ גרינטלעכע און אויפריכטיקע אויספאָרשונג איידער מען טרעט אַרויס מיט באַשולדיגונגען. דאָס האָבן מיר על כל פנים געקאָנט דערוואַרטן פון די פראָטעסט רעזאָלוציע שרייבער. לײדער איז עס ניט געווען אַזוי.

אין דער רעזאָלוציע לייענט זיך, אַז מיר פאַרנאַרן קינדער אונטער דער מאַסקע פון נאַציאָנאַליזם און אין דער אמתן לערנען מיר מי יודע וואָס. דאָס איז ניט אמת. די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן זיינען ניט געגרינדעט געוואָרן מיט דעם צוועק אימיצן צו פאַרנאַרן. דיזע שולן זיינען אַ פאָלגע פון אַ באַוועגונג וועלכע איז אַנטשטאַנען אין די לעצטע יאָרן צווישן די יידישע אַרבעטער מאַסן אין אַמעריקע. עס קומט יעצט פאָר אַן אינערלעכע רעוואָלוציע אין דעם יידישן לעבן: אַלטע, אָפּגעלעבטע פאָרמען ווערן איבערגעביטן אויף נייע. די אַסימילאַציאָן ווי אויך די דאָגמאַטישע פאָרמען פון דער יידישער רעליגיאָן האָבן פאַרלוירן זייער באָדן און אַנשטאַט דעם פאַרשטאַרקט זיך אַלץ די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. די יידישע יוגנט נעמט איצט דעם אַקטיווסטן אַנטייל אין אַלע יידישע פראַגן. און אַלס איינער פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע די יוגנט פאַראינטערעסירט זיך, איז אויך די דערציאונגס פראַגע. עס איז אַ פאַקט אַז ביז איצט האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום ערנסטע יידישע דערציאונג אין אַמעריקע. די קינדער האָבן באַזוכט די ענגלישע שול וועלכע איז ווי אַן אַסימילאַציאָנס פאַבריק געווען צו זיי. די יידישע קינדער אין אַמעריקע זיינען אינגאַנצן פאַרענגליזירט געוואָרן. זיי ריידן ענגליש און געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון ענגלישן גייסט. דער גאַנצער יונגער דור איז אויסגעוואַקסן ווי אָפּגעריסן פון דעם יידישן פאָלק. און אויב עס איז אמת ווי זיי שרייבן עס, אַז די רבנים האָבן דאָס דורכגעפירט די יידישע דערציאונג ביז איצט, דאַן באַהויפּטן מיר אַז די יידישע געשיכטע וועט זיי שטעלן צום שאַנד קלאָץ פאַר דעם וואָס זיי האָבן אַוועקגעריסן פון אונדז דעם גאַנצן יונגן דור און זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון קריסטלעכע ענגלישע שולן. און דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט שאַנד און ווייטיק צוקוקנדיק וואָס פאַר אַ דור זיי האָבן דערצויגן, אַ דור וואָס ווייס גאָר ניט פון יידישן פאָלק און זיין קולטור, וואָס שעמט זיך זאָגאַר מיט זיין יידישער אָפּשטאַמונג. פילע קינדער שעמען זיך צו רעדן יידיש מיט זייערע מוטערס, זיי שעמען זיך עפּעס איינצוּוויקלען אין אַ יידישער צייטונג, און דאָס איז נישט קיין וואונדער. די רבנים, די זאָגענאַנטע רעליגיעזע פאָרשטייער, לאַכן זיך דאָך אויס פון דער יידישער שפּראַך, אַ זאַך וואָס מען וועט נישט טרעפן ביי קיין שום אומה ולשון, און ווי קאָמיש קלינגט עס ווען מען שרייבט, אַז מיר זאָלן צו זיי איבערלאָזן די יידישע דערציאונג. מיר האָבן זיך דאָך געגרינדעט צו באַקעמפן אָט די אַלע זאָגענאַנטע דערציאונגס פאַרזאָרגער. מיר ווילן מער נישט לאָזן די יידישע דערציאונג אין אַ הפקר צושטאַנד. מיר ווילן אַז דער יידישער דור זאָל אויפוואַקסן און געהערן צום יידישן פאָלק. אונדזערע שולן זיינען ווי אַ קעגן־גיפט קעגן די ענגלישע. דאָרט לערנען זיי די שפּראַך, געשיכטע און קולטור פון דעם ענגלישן און אַמעריקאַנער פאָלק. מיר ווילן אָבער אַז זיי זאָלן געהערן צו אונדז און ניט צו זיי. די יידישע שפּראַך מוז ווערן די שפּראַך פון די קינדער, ווייל די שפּראַך איז היינט כמעט דער איינציקער פאַקטאָר וואָס בינדט צו די קינדער צום פאָלק, זיי מוזן באַקאַנט ווערן מיט דער יידישער געשיכטע און שטאָלץ ווערן זיי דאַן זיין מיט דער יידישער אָפּשטאַמונג. ווייל זיי וועלן זען, אַז אויך מיר האָבן געהאַט אונדזערע גרויסע העלדן, פּונקט ווי זיי. עס איז אויך ניט אמת אַז מיר פּריידיקן און פּראַקטיצירן חילול הדת. מיר גלויבן אַז רעליגיאָן איז אַ פּריוואַטע זאַך. די יידישע שולע דאַרף זיין ווי אַ פּאַבליק סקול; דאָס פּראָגראַם דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו אַלע קלאַסן עלטערן, סיי פרומע, סיי ניט פרומע. יעדער פאָטער, האָט אַ רעכט פּריוואַט צו דערציען זיין קינד. די שול דאַרף זיין פריי פון רעליגיעזן אונטערריכט. אַזוי איז עס ביי אַלע מאָדערנע פעלקער. אין דער שול ווערט דאָס קינד דערצויגן צו טאָלערירן יעדן מענטשנס איבערצייגונגען. און נאָך אַ פאָדערונג שטעלן מיר צו דער יידישער דערציאונג. עס איז אַ פאַקט אַז דאָס רוב יידן אין אַמעריקע זיינען אַרבעטער. און די ענגלישע שולע איז נישט נאָר שעדלעך פאַר אונדז דערמיט וואָס זי איז קריסטלעך און ענגליזירנד, נאָר אויך וואָס זי איז קאָנסערוואַטיוו אין אירע געזעלשאַפטלעכע אַנשויאונגען. און ווייל מיר זיינען אויך אַרבעטער וועלכע ווערן אונטערדריקט אין די פאַבריקן און אין שטאַט ווילן מיר די קינדער דערציען מיט אַ סימפּאַטיע פאַר דעם אונטערדריקטן אַרבעטער קלאַס. מיר ווילן אַז ווען זיי וועלן אויפוואַקסן זאָלן זיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זייער קלאַס.

יונג איז נאָך אונדזער באַוועגונג — אינגאַנצן אפשר 5 יאָר אַלט. דורך דער צייט האָבן מיר געהאַט פילעס צו באַקעמפן. אָן געלט מיטלען האָבן מיר אונדזערע אינסטיטוציעס געגרינדעט, אָבער שוין איצט איז זייער גרויס אונדזער דערפאָלג. אין אַמעריקע איז שוין איצט דאָ אַרום 40־50 אַזעלכע נאַצ. ראַד. שולן וואו 6,000 יידישע אַרבעטער קינדער קריגן אַ מאָדערנע יידישע דערציאונג. אין מאָנטרעאַל האָבן מיר שוין אַזעלכע שולן אין וועלכע עס לערנען אַרום 500 קינדער. אין דער נאַצ. ראַד. שולע גופא לערנען אַרום 350 קינדער און טאָג טעגלעך שטראָמען צו נייע קינדער; און דאָס איז ניט קיין־וואונדער, ווייל די יידישע מאַסן